שנה ד'
נומער 184
פרשת עקב
תשפ"ג

# קרית ברסלב

# ט"ו באב

## מוהרא"ש זכותו יגן עליט

באזוכט אין מחנה היכל הקודש ט"ו באב תשע"א, און ברענגט שידוכים פאר די בחורים

מער איבער דעם לײנט ביי די נייעס ווינקל



סיום 101 מאל משניות פון האברך מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו - מוצאי שבת ואתחנן תשפ"ג

**מיט א טיפערן בליק:**
א שבת נחמו צום געדענקען

**געדאנקען:**
זיידענע אינעלייט איף וואקאציע

**פאר די ברסלב'ע שטוב:**
מיין קינד איך האב דיר ליב!

## היכל הקודש נייעס
מוהרא"ש ז"ע באזוכט אין קעמפ ט"ו באב תשע"א
4



## היכל הקודש נייעס
נייע אלבום "א מופת בין איך" ערשינען
5




## געדענקען
זיידענע אינגעלייט אויף וואקאציע
6



## מיט א טיפערן בליק
א שבת נחמו צום געדענקען
14



## די ברסלב'ע שטוב
מיין קינד איך האב דיר ליב
19



## קינדער אפטיילונג
חידות, שיחות, מעשיות פון תפילה און נאך
24





# קריה ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyoimiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
עקב י"ח אב תשפ"ג

הדלקת הנרות.........07:55
מוצאי שבת............09:24

מנחה מעריב ראה ... 09:05

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתו מייטא תחי'**

**צו די שידוך שליט פון א קינד למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עדי עד.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**הרב נתנאל פארקאש שליט"א**
**וזוגתו זיסל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל, און זען אסאך נחת פון די קינדער.

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 04 | 73°/57° | Scattered Thunderstorms |
| Sat 05 | 75°/58° | Showers |
| Sun 06 | 76°/59° | Showers |
| Mon 07 | 80°/60° | AM Showers |
| Tue 08 | 77°/57° | Showers |
| Wed 09 | 77°/56° | Showers |
| Thu 10 | 76°/58° | Showers |
| Fri 11 | 76°/60° | Scattered Thunderstorms |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

# וועלטליכע נייעס



## אנקעטעס ווייזן טראמפ שטארק פאראויס פון אלע אנדערע קאנדידאטן

דער געוועזענער 45סטער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן דאנאלד דזשעי טראמפ איז אנדערשט מיט כמעט יעדע זאך פון אלע אנדערע פרעזידענטן אין די אמעריקאנער היסטאריע.

צווישן אנדערע איז ער דער איינציגסטער פרעזידענט מיט זיראָ ערפארונג אין פאליטיק צו ערוועלט ווערן אלץ פרעזידענט, בכלל איז ער גענצליך אן אנדערע טיפ פון א געוועגליכע פאליטישאן. אלץ האט ער האט זיך געוואגט צו טון זאכן וואס קיין שום פאליטישע ראטגעבער וואלט אים געראטן צו טון, צום ביישפיל זיין איבערגעאיילטע "מוז האבן א מיינונג" אויף כמעט יעדע זאך צוגאנג, איז א זאך וואס וואלט אים שוין צענדליגע מאל - לויט די פאליטישע אנאליסטן - געדארפט אונטערברענגען. זיין אבסעסירטע מלחמה מיט די מידיע - א זאך וואס איז לויט די אנגענומענע כללים פון ביז היינט האט אלץ געהייסן א "זיכערע פאליטישע זעלסבט מארד", און אויך דאס האט אים נאך נישט אונטערגעברענגט.

והעולה על כולנה, די פילע פאליטישע און יורידישע רדיפות; אנגעהויבן פון די פילע אויספארשונגען נאך ווען ער איז געלאפן צום ערשטן מאל אלץ פרעזידענט, און די פילע אינוועסטיגעשאנס בשעת'ן דינען אויפן פרעזידענטליכע שטול, וואס האבן זיך געענדיגט מיט - ווייטער פרעצעדענטלאז - צוויי מאל (!) אימפיטשט ווערן, א זאך וואס האט אים נאך אלץ נישט אומגעווארפן.

און ווער רעדט נאך ווען ער האט - יא אדער נישט - פארלוירן די וואלן פאר צוויי יאר צוריק, דאס וואלט אים לויט אלע פארשטייערס געדארפט אריינלייגן אין א טיפע מרה שחורה "אזא נארסיסיסט ווי ער קען נישט דערהייבן קיין דורכפאל" האבן זיי אלע געשריגן.

און די "טשערי אָן די פיי" איז נאך ווען ביז יעצט טוען נאך פילע פראסעקיוטערס און "ספעציעלע אויספארשער" אים אנקלאגן אויף כל מיני באשולדיגונגען פון האלטן פרעזידענטליכע רעקארדס, אריינלייגן נאציאנאלע זיכערהייט אין א סכנה, ביז די יאנואר 6 רעוואלוציע, ווען ער האט לויט זייער קעגנער געהעצט זיינע געשוואוירענע שטיצער צו אומווארפן די אמעריקאנער רעגירונג און דערקלערן לעבנסלענגלעכיגע קעניג אויף אמעריקע...

מיר דארפן נישט צוקומען צום גוי זיך צו לערנען וויאזוי זיך צו פירן, אבער אפגעזען וואס אייער מיינונג אויף דעם גוי טמא דאנאלד טראמפ איז, איז דא דא עפעס וואס מיר קענען זיך לערנען דערפון. האסטו שוין צענדליגע מאל צוגעזאגט דעם אויבערשטן "מער וועל איך שוין נישט זינדיגן" און עודך טרעפסט זיך דערין ווידער? דו הערסט דעם סמ"ך מ"ם שרייען "דו ביסט איין שטיק דורכפאל", דו הערסט שוין אין דיין קאפ ווי אלע זאגן אויף דיר "דו ביסט שוין דערנאך", אבער ניין הייב דיך אויף און קוק נישט אויף קיינעם. זאג דעם סמ"ך מ"ם "אויב טראמפ גייט נאך ארום שטאלץ און קאמפיינט צו ווערן ווידער פרעזידענט, מעג איך אויך נאך זיך אויפהייבן און זאגן פארן באשעפער געב מיר נאך א שאנס."

די זעלבע זאך בגשמיות, ביסט טיף אין חובות? גיי אן מיט דיין לעבן ווייטער. טרעף א דזשאב הייב אן אפצאלן צוביסלעך, און עס וועט נישט לאנג נעמען און דו וועסט זיך זען אינדרויסן פון דיינע חובות.

טראמפ'ס קאמבעק איז אונז אלע מחייב. מיר וועלן נאכאמאל פרובירן צו היטן די אויגן, היינט - זאגט איך דיר צו רבונו של עולם - וועל איך רעדן שיין צו מיין ווייב. פון יעצט וועל איך לערנען כאטש איין פרק משניות יעדן טאג.

**דער הייליגער רבי זאגט: די וועלט נארט לאזט זיך נישט נארן**

היכל הקודש

# נייעס

אמעריקע

## מוהרא"ש זי"ע באזוכט אין קעמפ חמשה עשר באב שנת תשע"א



חמשה עשר באב איז גאר א פרייליכע טאג. אסאך געדענקען נאך ווי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו איז געקומען אין קעמפ חמשה עשר באב שנת תשע"א און געזאגט פאר די בחורים אז ווער עס וועט זאגן פון ט"ו באב פאר פערציג טעג יעדן טאג גאנץ מסכת תענית וועט א חתן ווערן.

מער האט נישט אויסגעפעלט; די בחורים האבן זיך צוגעכאפט דערצו, ס'איז שוין נישט געווען צו וועם צו רעדן, אלע זענען געזיצן אפאר שעה און מסיים געווען יעדן איינציגן טאג דעם גאנצן מסכתא.

אפילו ווען ס'איז געקומען די די באקאנטע הארציגע איירן אינמיטן זומער, און מען האט געדארפט אנטלויפן פון קעמפ, האט מען אבער אין זאך מיטגענומען איבראל, דאס איז געווען די גמרא מסכת תענית, און דאס איז טאקע א סגולה וואס גייט נאך אן ביזן היינטיגן טאג.

ס'איז אינטערעסאנט אראפצוברענגען א שטיקל וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן איבער דעם אין יאר תשע"ח.

"געווען איז דאס זומער שנת תשע"א, מיר זענען געווען אין קעמפ "מחנה תפארת התורה ברסלב" - עלעגוויל ניו יארק, די דריטע יאר פון ווען איך האב געעפענט די ישיבה. דעמאלט איז נישט געווען קיין איין חתן אין ישיבה, ווייל מען האט זייער מבזה געווען די ישיבה, און מען האט ארויסגעלאזט א שלעכטע נאמען אויף מיר און אויף די ישיבה וכו', וואס דאס האט געברענגט אז מענטשן האבן מורא געהאט צו נעמען א בחור פון ישיבה פאר אן איידעם. יעדעס מאל מען האט אנגעטראגן א שידוך פאר איינעם, און יענער האט געהערט אז דער בחור לערנט אין ברסלב, האט יענער גלייך אראפגעהאקט דעם טעלעפאן. איך פלעג כסדר פרעגן פון מוהרא"ש: "וואס וועט דא זיין, קיינער וויל נישט נעמען קיין בחור פון ישיבה?!" און מוהרא"ש פלעגט מיר ענטפערן: "ווער נאך זען, עס וועט קומען א צייט, וואס די מיידליך וועלן נאר וועלן בחורים פון דיין ישיבה", דעמאלט האט דאס אויסגעקוקט ווי מוהרא"ש וויל מיר סך הכל מחזק זיין, ווייל במציאות, אז עס זאל טאקע אזוי זיין האט מען דעמאלט נישט געקענט טראכטן.

אבער היינט צו טאגס זעט מען וואס הייסט א ברכה פון א צדיק; צענדליגער שידוכים זענען געווארן נאר ווייל די מיידלעך האבן זיך איינג'עקשנ'ט אז זיי ווילן נאר א בחור פון ישיבה, ווייל זיי הערן די דרשות פון ישיבה, און זיי הערן ווי אזוי די בחורים וואקסן אויף מיט מידות טובות, מיט שכל, וואס מען הערט נישט אין אנדערע פלעצער.

איך האב דעמאלט געשריבן בריוון פאר מוהרא"ש זכרונו לברכה אז די בחורים ווינען צו מיר, זיי ווילן חתונה האבן, און מוהרא"ש האט מיר געשריבן אז ער גייט קומען חמשה עשר באב אין קעמפ מאכן א סעודה, און ער גייט ברענגען שידוכים. אזוי איז געווען, מוהרא"ש איז געקומען אין קעמפ, און מען האט געמאכט א סעודה לכבוד חמשה עשר באב.

ביי די דרשה האט מוהרא"ש געזאגט אזוי: "איך זאג צו פאר אלע בחורים וואס זענען זיבעצן יאר און העכער, יעדער בחור וואס וועט יעדן טאג לערנען גאנץ מסכת תענית - פון ט"ו אב ביז ראש השנה, זאג איך צו אז ער וועט טרעפן זיין שידוך גלייך נאך ראש השנה"; וואס זאל איך דיר זאגן, כאשר אמר כן היה, עס האט זיך גלייך אנגעפאנגען שידוכים איינס נאכן צווייטן, און אלע זענען חתנים געווארן און חתונה געהאט, און זיי האבן א שיינע לעבן. עס זענען געווען אפאר בחורים וואס האבן נישט געטראפן זייער שידוך גלייך דעמאלט, אין אנהייב האבן זיי געהאט קשיות - וואס הייסט? וואו איז מיין שידוך? איך האב דאך געזאגט מסכת תענית פערציג מאל? למעשה, שפעטער ווען זיי האבן געטראפן זייער שידוך, האבן זיי געזען אז זייער כלה איז נאך געווען יונג".

**לא הי' ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב**

## נייע וואונדערליכע נייע אלבום "א מופת בין איך" ערשינען




דער לאנג ערווארטעטער אלבום פונעם ראש ישיבה שליט"א איז נארוואס ערשינען, און אין די איין טאג מאכט עס שוין כוואליעס אין די גאנצע אידישע וועלט.

אין קורצן באשטייט דער אלבום פון צען הערליכע מייסטערהאפטיגע יצירות, וואס אויסערדעם וואס די מוזיק און פראדאקשאן איז אויף די העכסטע מאס פון פראפשיאנלאיזם, און די רעקארדינג איז געשמאק קריסטאל קלאר, פראדוצירט דורך מו"ה חיים מאיר ערפס הי"ו און מו"ה ליפא בראך, באקאנטע נעמען און גאר טאלאנטפולע אינגעלייט אין די פעלד פון מוזיק און פראדאקשאן, איז אלעס הערליך אראפגעזונגען דורכן ראש ישיבה שליט"א וואס צונעמט די געפילן און עפענען אויף דאס הארץ צום אייבערשטן.

יעדע פון די צען ניגונים האט זיך זיין אייגענע געשמאק און מעסעדזש, ווי פאלגענד:

**אייבערשטער מעדלי** - א געלונגענע צוזאמשטעל פון לעבעדיגע פרייליכע "אויבערשטער ניגונים", אנגעהויבן מיטן ניגון "זאל זיין אזוי ווי דער אויבערשטער וויל", און דערנאך פארט עס אריין צום באקאנטן ניגון "ס'איז דאך אלץ נארישקייטן, אלעס איז דער אויבערשטער", און דערנאך גייט עס אריבער צום "דער אויבערשטער איז איבעראל" אויפן ניגון ממלא כל עלמין.

**ערליכער איד** - א הארציגע ווארימע ניגון מיט וואס יעדער קען זיך אויסשמועסן און אויסוויינען צום אויבערשטן "טאטע הייליגע באשעפער, איך וויל זיין אן ערליכער איד".

**טאנץ מיט'ן באשעפער** - א געשמאקע טאנץ ניגון מיט וואס מען בעט זיך ביים באשעפער "הייליגער באשעפער האב אויף מיר רחמנות, איך וויל זיין גוט".

**א לידעלע** - געבויעט אויף די ניגון פונעם קדושת לוי זי"ע וואס פלאנצט אריין אז סיי ווען עס גייט גוט אדער חלילה פארקערט איז אלעס גוט און פונעם אויבערשטן, "רבונו של עולם איך וויל פאר דיר א לידעלע זינגען, וואו טאטע זיסער קען איך דיר טרעפן? ווייל עס גייט מיר גוט איז עס דו און חלילה פארקערט איז דאך ווייטער דו".

**האַרץ** - א איד וויינט זיך אויס צום אויבערשטן "איך בין נישט אויסגעארבעט, איך דארף נאך תשובה טון, איך האב נישט קיין סבלנות, איך ווייס נישט וואס צו טון, מיין אויגן איז נישט ריין איך קוק שלעכטע זאכן, מיין מויל איז נישט פיין, איך טו עס שמוציג מאכן, אבער באשעפער קוק מיין הארץ, מיין צובראכענע הארץ מיין צוריסענע הארץ, באשעפער איך וויל זיין גוט", מיט דעם נעמט אראפ פון זיך אלע מקטריגים.

**אלף בית** - ווען דו ווייסט נישט וואס צו זאגן, נעם די אלף בית וועסטו זיך קענען דערמיט אויסגיסן דיין הארץ, הייליגע באשעפער איך האב אמונה אין דיר, איך האב בטחון אין דיר, איך גלייב נאר אידן דיר, און אזוי ווייטער. געזונגען אויף א נייע געשמאקע וואלץ ניגון.

**ס'איז דא א רבי** - קיינער פארשטייט מיר נישט? אבער עס איז דא א רבי אויף דער וועלט וואס פארשטייט מיר און קען מיר העלפן! לאמיר זיך צוהערן צו זיינע הייליגע דיבורים און אים פאלגן וועט אונז גוט זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

**שיעור משניות** - א פרייליכע טאנצעדיגע ניגון "ושיעור משניות קודם לכל דבר ועל ידי זה זוכה לנשמה, א פרק משניות זאגן, די בעסטע סגולה. דאס איז מיין רפואה, דאס איז מיין ישועה, א פרק משניות זאגן ברענגט די גאולה" נעם א משניות אפילו אן פארשטיין, בלויז זאגן, וועס פילן אזוי גוט, אזוי לעבטיג!

**היט מיר** - א תפלה פון א איד וואס בעט זיך פון טיפן הארצן צום טאטן אין הימל "אוי באשעפער איך בעט דיר היט מיר מיינע אויגן, היט מיר מיין מחשבה. איך וויל נאר טראכטן פון דיר, איך וויל נאר רעדן צו דיר, איך וויל נאר זען דיר שטענדיג פאר מיר!" געזונגען אויף א געשמאקע פרייליכע ניגון.

**א מופת בין איך** - דער הויכפונקט פונעם אלבום, א הערליכע געשמאקע גראמען מעלאדיע וואס רעדט איבער דעם וואס מוהרא"ש געבט אונז. "מענטשן פרעגן מיר אלעמאל, ס'איז אלץ געווען אזוי ביי כלל ישראל, צדיקים פלעגן ווייזן מופתים, צי אויך ביי מוהרא"ש אויך געווען, צי האסטו מופתים דארט אמאל געזען, צי פלעגסטו זען דארט וואונדער, עפעס עקסטער באזונדער, זאכן וואס מ'זעט נישט כסדר? א מופת א מופת בין איך, וואס מ'טוט טוט מען פאר זיך. און אזי ווייטער ביזן סוף ניגון.

דער אלבום וועט אייך זיכער געבן חיזוק און התעוררות געבויעט אויף די עצות פון די הייליגע תורה און די צדיקים.

# זיידענע אינגעלייט אויף וואקאציע



**משה אורי׳ שניטצלער**

כ׳מעג שוין זאגן תורה׳לעך, כ׳בין שוין עטליכע מאל א זיידע׳ניו ברוך השם.

כ׳מעג שוין בודק זיין צו אלע וואס נעמען קאקאש קעיק האבן טאקע געפאסט היינט!

כ׳האב שוין א שפאר ביסל ווייסע הארעלעך אין די בארד, מעג איך שוין נעמען האסטעדזש יעדן בר מצוה בחור זאל מיך אויסהערן וואס כ׳האב "פערצופאל" מחדש געווען אויף די וואך.

נו, העלפטס מיר דרייען מיט׳ן גראבן פינגער, והיה, ס׳איז א שמחה אין הימל, עקב, אז דער מענטש וואס פילט זיך ווי א שמאטקעלע, תשמעון, איז מקיים א מצוה וואס דער אייבערשטער הייסט.

יעצט קענט עטץ שוין געבן מעות קדימה אויף מיין ספר וואס עכט האב איך עס נישט געוואלט ארויסגעבן, אבער די הפצרות זענען אזוי שטארק אז איך קען נישט צוקוקן די צער פון די אידן וואס לעכצצעצענען אז מיינע טייטשעלעך זאלן שוין באשיינען זייער ספרים פאליצע. די נאמען פון די ספר בין איך נאכנישט זיכער.

יעצט אז כ׳האב שוין געזאגט א תורה׳לע וואס כ׳האב זיך נישט פארגעקוקט, קען מען גיין צום ארטיקל.

עטס קענטס משה מעסידעראוויטש? ער איז זייער א מסודר׳דיגער מענטש. ער איז אן אייניקל פונעם אלטן מעסידעראוויטש פון קישמישסיידער.

די לעגענדע גייט אז אנהייב ווינטער פלעגט ער איין פארנאכטס זאגן פאר זיין ווייב אז היינט קומט ער אהיים אביסעלע שפעטער ווייל מ׳גייט היינט טוישן ביים דאווענען פון ותן ברכה צו ותן טל ומטר.

ווען די "רעימאנד ווייל" זייגער וויל וויסן ווען ס׳איז זיבענע צופרי׳ מיט א שווייצ׳ער "פונקטלישקייט", געבט עס א בליק ווען משה מעסידעראוויטש טוט זיך אן די ריפסענע יאמולקע צו דאווענען שחרית פאר׳ן בורא כל עולמים.

רעימאנד ווייל האט אליין געפירט זיין שווייצער זייגערמאכעריי אימפעריע ביז ווען ער איז געשטארבן אין תשס"ד אין עלטער פון זיבן און אכציג. היינט ווערט עס געפירט פון זיין אייניקל אליי בערנהיים.

זיי פארקויפן א האלב מיליאן זייגערלעך א יאר, רוב זייגערלעך גייען פאר צוויי אלפים און העכער. רעדט מען פון א ביליאן דאלער סעילס א יאר. אנגעהויבן האט רעימאנד ווייל אויף א קליין טישעלע, אויף א קליין געסעלע אין גענף (דזשעניווע, וואס רופט זיך "די זייגער הויפט שטאט פון די וועלט"). אנגעהויבן האט ער אין תשל"ו און קוק וואו מ׳האלט פופציג יאר שפעטער.

משה מעסידעראוויטש האט מחנך געווען זיינע קינדער מיט א מעסידעראוויטש׳דיגער פונקטלישקייט.

ס'האט
גוט געארבעט! כ'מיין ס'האט גוט געארבעט וויפל די אויבנ'אויפדיגע פליישיגע אויגן קען זען. וואס ס'האט זיך געטון אונטער די פונקטלישקייט האט נישט יעדער געוואוסט.

די מעסידעראוויטש בחורים זענען קיינמאל נישט פארשלאפן די פארטאגס סדר, קיינמאל נישט פארלוירן די כאלאט'ל גארטל, קיינמאל נישט מיספלעיסד די לעד פענסל מיט וואס מ'שרייבט אראפ די שיעור וואס דער שואל ומשיב פארשטייט נישט פאר סאם ריזן....

אלעס האט געקלאפט ביי די מעסידעראוויטש'עס.

ווען דער עלטסטער מעסידעראוויטש האט חתונה געהאט אין א מזל'דיגע שעה, האט מען דעם איידעם צדיק'ל אריינגעלייגט אין א קריספי קראנטשי כולל. אלע טאטעס פון אלע בחורים פון זעקס גאסן ארום זענען געווען דזשעלעס אויף די מעסידעראוויטשעס, פארוואס קען מיין בענאק נישט אויפשטיין פארטאגס אזוי ווי די מעסידעראוויטשעס.

פיר יאר אין כולל אריין הערט חיימ'ל מעסידעראוויטש פון זיין חברותא זאנוועלע איידענער אז זיין שווער דער נגיד גד'ל גייטעמגוט איז געווען מיט אים בין הזמנים אין טשעיס באנק,



ארלעדיגט א

ריוואלווינג

ל י י ן א ו ו

קרעדיט, געפורטשעיסט א סיקס פעמילי אין מיסיסיפי, און נעקסטע וואך גייט מען בעזר השם אריין אין קאנטראקט אויף א סטריפ מאלל אין עלעבעמע.

חיים'ל און זאנוועלע האבן זיך זייער ליב געהאט, נאך פון כתה ח' ווען זיי זענען געווען דריטע חברותות אויף חוזר חוזר חזרה.

חיים'ל האט דעמאלטס אויסגעזאגט פאר זאנוועלע וואו מ'קויפט די "עכטע" בינדן טעיפ.

אזוי לערנענדיג אין כולל, ווען ס'שוין געווען מיטאג הפסקה, האט זאנוועלע געזאגט פאר חיים'ל ווי אזוי די ביזנעס גייט. ביז געציילטע חדשים האט שוין חיים'ל געהאט א רענט ראלל פון הונדערט אלפים א חודש.

זיי לערנען און פארדינען, לערנען און פארדינען. די הצלחה וואקסט, די ביזנעס וואקסט. תורה וגדולה, א האלבן טאג לערנען, א האלבן טאג ציילן די רענט

וואס שיסט אריין טאג טעגליך.

איין טאג האט מען עפעס גערעדט פון א וואקאציע אין קאליפארניע, א ווארט אהער, א ווארט אהין, שוין גע'בוק'ט א פלייט, האטעל, אלעס קלאפט, נעקסטע וואך דינסטאג, פינעווע פארטאגס (די בעסטע צייט אנצוהייבן א וואקאציע, פינעווע צופרי) קומט אובער זיי נעמען צו נוארק עירפארט.

פארוואס זיי גייען אויף וואקאציע? פשוט! זיי זענען שרעקליך אויסגעמוטשעט!

די קאליפארניע וואקאציע האט גענומען אכט טעג, דארונטער א העליקאפטער רייד קיין אריזאנע און א שיף רייזע אריין אין מעקסיקא. אויך זענען זיי געפארן מיט א פארד עף וואן פיפטי רעפטאר אר קיין נעוואדא, דארט וואו מ'שפילט מיט קארטן אויף שווערע טויזנטערס (זיי האבן געמעגט גיין דארט ווייל דער ראש הכולל גייט נישט וויסן).



וועלכע השגחה די איידענע אינגעלייט האבן געגעסן די אכט טעג? פרעג מיך נישט!

וויפל גמרא געלערנט?

גמרא ווער? גמרא וואו? גמרא ווען?

געדאוונט מיט מנין?

געדאוונט מיט וואס? וועלכע עסן איז דאס "מנין"?

אויף די גאס פון חיים'ל מעסידעראוויטש האט געוואוינט מעכעלע מאכצעך, זיין מלמד אין כתה ג' פלעגט זאגן מעכעלע מאכט זיך. ער מאכט זיך ווי ער לערנט אבער ער לערנט נישט.

דער מלמד האט נישט געוואוסט אז מעכעלע'ס טאטע האלט יעצט אינמיטן פארלירן זיין צוואנציג יעריגע ביזנעס, זיין שותף איז א פולנער רויבער און ליידיגט אים אויס אינגאנצן, נקי מכל. מעכעלע'ס שוועסטער איז לעצטע וואך אדורך א הארץ אפעראציע, מעכעלע'ס עלטסטע ברודער איז פיר און צוואנציג, וואס וועט זיין מיט א שידוך? נאכדעם נאך דריי בחורים אין א רייע!! די שטוב איז א פאס פולווער, קולות וברקים טאג און נאכט, ווען דער רבי זאגט "ועבדו לעולם דאס מיינט מען ביז יובל" זיצט מעכעלע מיט אפענע פארקלאצטע אויגן, ער זעט נישט די רבי, ער הערט נישט ועבדו לעולם, ער האט נישט קיין אאאאאאנונג וואו קומט אהער יובל, ער טראכט פון א פיקטשער אין די הגדה וואו א טאטע שמייכלט צו די קינדער, וואו נעם איך אזא הויז?

דער מלמד האט נישט געלערנט אז מ'דארף אריינקוקן אין די געטליכע נשמה פון א קינד, א חלק פון אויבערשטן איז אין דעם קינד, אזוי ווי א דיימאנד שלייפער זעט דעם דיימאנט ווען ס'איז נאך שטויביג, שמוציג, מאראסטיג, באלד וועט עס גלאנצן, באלד וועל איך האבן ריוח א מיליאן דאלער, ווארף נישט אוועק דעם שטיין.




דער מלמד האט נישט געלערנט אז רופן א צונאמען "מעכעלע מאכצעך" איז לא תרצח מיט אלע בריסקער דיוקים.

ס'קען אמאל זיין אז אזא קינד זאל נישט מצליח זיין פאר גאנצע זיבעציג יאר!

קינדער הערן וואס מ'זאגט! גולם? איז גולם! שוטה? איז שוטה! צדיק? איז צדיק! די בעסטע אינגל? איז די בעסטע אינגל!

אין ברסלב'ע חדר זענען אלע קינדער די בעסטע! ס'שטימט נישט? ס'קען נישט זיין יעדער די בעסטע? און רצח'ענען שטימט יא?! פארשעמען שטימט יא?!

מעכעלע מאכצעך האט זיך גוט געמוטשעט אין לעבן, מילד גערעדט.

ביז איינמאל געט אים א חבר א נאמבער פון א האט ליין "יעדער קען זיין נאנט צום אייבערשטן" "יעדער קען לערנען" "הייב אן זאגן משניות, דאס וועט מאכן דיין לעבן זיס".

מעכעלע האט אנגעהויבן זאגן משניות יעדן טאג. זיין מאמע'ס בעסט פרענד'ס געלונגענע זון וואס איז געפארן ביי די ניינצן קיין ארץ ישראל און גאט ווייסט וואס ער האט געטון דארט אונטער די שלייער פון די שטייגעדיגע ישיבה, רופט אים אן אים מסביר זיין אז ער מיינט זיין טובה, די משניות זאגן איז א זאך וואס מ'קען נישט ענדיגן מיט דעם!!!! גיי נישט אוועק פון די מסורה!

כ׳קען נישט שטיין אין די זייט ווען מ׳בארויבט דיינע יונגע יארן אז ס׳זאל גיין אויף זאגן משניות.

מעכעלע וואקלט זיך בין חיים ל...... איין טאג זאגט ער משניות, צוויי וואכן נישט, דיפרעסט, ליידיג, צוריק צו די משניות, נאכדעם נאכאמאל צוריק צו מאמי׳ס בעסט פרענד׳ס שטייגענדיגער ליידיג גייער, וואס איז א פערפעקט עקזעמפל פון הבטלה מביאה לידי שעמום. א שטריק פון שטריקלאנד, בקי בכל עניני קרעדיט קארדס, שטריימלעך, רבי׳שע מחלוקת׳ן ועוד דברים הצריכים חיזוק, אלעס נאר נישט זיצן און לערנען. אבער משניות זאגן איז ביי אים חס מלהזכיר, ער קומט און גייט און גייט און קומט. נאכדעם הייבט ער אן נאכאמאל קומען און גיין און גיין און קומען. ואחר כך חוזר על הראשונות, קומען און גיין כנזכר לעיל.

מעכעלע׳ס וואקלעניש׳ן האט אנגעהאלטן פאר א יאר צוויי. ביז ער האט איינגעזען אז אדער שטייג איך אזוי ווי מאמי׳ס בעסט פרענד׳ס שטייגער, אדער גיי איך זאגן משניות און זאל די וועלט שרייען ביז׳ן בוידעם אז איך גיי אוועק פון די מסורה. איך האלט נישט ביים אויסזען ווי דער לומד׳ישער שטייגער נאו מעדער וואט!!!!! איך עקל מיך פון זיין קומען און גיין און גיין און קומען. אזא ליידיג גייער ווי דער שטייגער איז נישט געווען זייט בלעם׳ס אייזל האט אנגעהויבן צו רעדן.

מעכעלע זאגט משניות. געמאכט א סיום! איינמאל! צען מאל! פופצן מאל! מיט יעדע מאל באקומט ער מער גוטע פריינד "וואס מיינען זיין טובה".

חיים׳ל מעסידעראוויטש קוקט אויף מעכעלע אזוי ווי דו קוקסט אויף א האומלעס מענטשן וואס "ער איז זיך אליין שולדיג"......



אויפ׳ן פליגער פון קאליפארניע האבן זיי זיך געטראפן. מעכעלע איז געווען מיט זיין ווייב ביי זיין זיידן פון דאנערשטאג נאכט ביז זונטאג. יעדע וואך קומט א צווייטער אייניקל באדינען דעם אלטן שוואכן זיידן. מעכעלע האקט משניות, חיים׳ל און זאנוועלע האקן ליצנות פון די אינגערמאן מיט קורצע ערמל וואס דרייט זיך ביי די שוואכע.

חיים׳ל האט גע׳עקט אין קאליפארניע אזוי ווי דער מנהל קוקט נישט. מעכעלע האט גע׳עקט אזוי ווי דער אייבערשטער קוקט.

מעכעלע האט זיך געפירט אין קאליפארניע אזוי ווי אינדערהיים, גארנישט געטוישט די השגחות פון עסן, גארנישט געטוישט די דאווענען מיט מנין, גארנישט געטוישט פון היטן די צייט, ארייננכאפן א פרק משניות, א דף גמרא.

מארגן צופרי איז חיים׳ל מיט זאנוועלע צוריק ביי די גמרא לאכן פון מעכעלע דער שוואכער.

איז ווי ווער ווילסטו זיין, ווי מעכעלע דער שוואכער, אדער חיים׳ל מיט זאנוועלע, וואס לערנען בחברותא עכט פלייסיג יעדן טאג ווען דער מנהל קוקט?!



# מעשיות פון תפילה

### ברוך נויסבוים - בני ברק:

פאריגע וואך האב איך אריינגעשיקט א מעשה פון תפילה וואס איך האב געהאט שבת אין צפת. ברוך השם סאיז אריבער זייער געשמאק און דערהויבן.

מוצאי שבת קודש ליל הילולא קדישא פון הייליגן אר"י הקדוש זכותו יגן עלינו האבן מיר זיך געגרייט אהיימצופארן. מיין אכסניא איז געווען זייער נאנט צום סטאפ, ווי פון דארטן פארן ארויס אלע באסעס אהיימצופארן, אבער איך האב מורא געהאט אז אויב מיר וועלן נעמען אלע פעקלעך צום סטאפ נעבן בית החיים און פון דארטן וועלן מיר פארן, וועט שוין נישט זיין קיין פלאץ אויפן באס, בפרט אז די סטאפ נעבן בית החיים, איז איינער פון די לעצטע סטאפ'ס, אין קל וחומר אז בליל ההילולא וואס גאר אסאך מענטשן דארפן צוריק אהיים פארן וועט זיכער נישט זיין קיין פלאץ אויפן באס.

אבער למעשה האבן מיר אפגעמאכט אז ס'איז א שאד צו מאכן דעם וועג צוויי מאל, בפרט אז ס'איז גאנץ א לאנגע וועג. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל יא זיין א פלאץ ביי די סטאפ נעבן בית החיים. מיר האבן גענומען אלע פעקלעך און געגאנגען צום הייליגן ציון זיך אויסבעטן ביים הייליגן צדיק, דעם בעל ההילולא.

נאכן ענדיגן האבן מיר געמאכט דעם וועג, צו דעם סטאפ נעבן בית החיים, און געקוקט אויפן צעטל דארט ווען עס קומט א באס. עס איז געשטאנען אז נאך א פערטל שעה קומט דעם קומענדיגן באס. איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל זיין פלאץ נארמאל צו זיצן אויפן באס, און מען זאל קענען פארן מיט ישוב הדעת והרחבה צוריק קיין בני ברק.

גייט נישט אריבער קיין צוויי מינוט און אנטקעגן מיינע אויגן קומט א באס צום דעם סטאפ.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן געקענט אהיים פארן מיט גרויס הרחבה, מיט א געשמאקע ליידיגע באסמען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוט'ס.

שכח אייבערשטער

### שמעון עוזר גרינפעלד - וויליאמסבורג:

**א)** איך האב צוויי טעלעפאונס, איינס פאר די ארבעט און איינס פאר אינדערהיים וכדומה. איין טאג אינמיטן ארבעטן איז מיין טעלעפאון אראפגעפאלן און זיך צובראכן, עס האט נאך געארבעט אבער די סקרין איז געווארן צובראכן, מען האט נישט געקענט זען ווער עס קאלט אריין, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען פאררעכטן שנעל און גרינג, שכח אייבערשטער אז איך האב עס געקענט פאררעכטן זייער שנעל, איינס צוויי.

**ב)** איך בעט שוין א לאנגע צייט דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן א אייגענע קאר, נאכדעם וואס איך מוטשע מיר שוין א לאנגע צייט מיט רענטעלס און אזוי ווייטער, שכח אייבערשטער נאך אסאך תפילות האב איך שוין מיין אייגענע קאר וואס איך דארף.

שכח אייבערשטער

### מנשה איצקאוויטש - בארא פארק:

איך האב געהאט פארלוירן מיין משניות וואס איך ניץ יעדן טאג שוין א לאנגע צייט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן ווי אמשנעלסטן. למעשה בין איך אריין אין שול און יא איך האב עס געטראפן ליגן דארט אזוי שיין, ממש גרייט פאר מיר עס צו נעמען.

שכח אייבערשטער

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַסַאךְ מָאל אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל: "קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט זָאגְן בְּשֵׁם מוֹהֲרָא"שׁ וָואס צוּ טוּן, מֶענְטְשְׁן נוּצְן דֶעם נָאמֶען 'מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ'; וָואס דוּ הֶערְסְט פוּן מִיר אַלֵיינְס און **וָואס דוּ זֶעסְט אִין מַיינֶע סְפָרִים - דָאס אִיז מוֹהֲרָא"שׁ**".

אִיךְ פְלֶעג דָאס נִישְׁט אַזוֹי פַארְשְׁטֵיין, 'וִוי קֶען זַיין אַז אַ צַדִיק לֶעבְּט און מֶען נוּצְט זַיין נָאמֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט וָואס עֶר וִויל?!' יֶעצְט זֶע אִיךְ דָאס בַּיי אוּנְז, מֶען זָאגְט זַאכְן אִין מַיין נָאמֶען וָואס הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן, יֶעדֶער אֵיינֶער נוּצְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס נָאמֶען פַארְוָואס עֶר וִויל און פַארְוָואס עֶר חָלוֹמְ'ט, סַיי בַּיי דִי אִינְגֶעלַייט און סַיי בַּיי דִי פְרוֹיעֶן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט וִויסְן וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר צוּ זָאגְן זָאלְסְטוּ **קוּקְן אִין דִי בְּרִיוו וָואס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה**; לֶערְן דִי בְּרִיוו וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל אִין יֶעדְן פְּרַט וּפְרַט.

אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען זוּנְטָאג בַּיי דִי סִיוּם מַסֶכֶת שַׁבָּת און חֲנֻכַּת הַבַּיִת פַאר אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ צַאמְקוּם פַאר דִי פְרוֹיעֶן, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען נֶעמֶען חִזּוּק.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה
## פון דער
## ראש ישיבה שליט"א



# אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה
## חֵלֶק ב'

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וִויאַזוֹי צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** איך וויל זייער שטארק פארן צוזאמען; איך דארף דיר נישט זאגן ווי מען דארף אכטונג געבן אויפן וועג, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי ברכות, פרק ד, הלכה ד): "**כָּל הַדְּרָכִים בְּחֶזְקַת סַכָּנָה**", אלע וועגן זענען בחזקת סכנה - בגשמיות, ווער רעדט נאך אז מען דארף אכטונג געבן פון די רוחניות'דיגע סכנה; מען זאל האבן ריינע אויגן אויפן וועג, נישט צו קוקן מאוויס השם ישמרינו, און אז מען פארט צוזאמען איז מען אפגעהיטן.

ווען מען פארט צום הייליגן רבי'ן דארף מען פארן מיט יראת שמים בקדושה ובטהרה, און דוקא דעמאלט פארלייגט זיך דער יצר הרע אז מען זאל נכשל ווערן מיט הסתכלות רעות.

געדענק וואס איך זאג דיר: "אליין - בלאנדזשעט מען"; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, יג): "**אַל תְּהִי רָשָׁע בִּפְנֵי עַצְמְךָ**", זאגט ר' נתן, אפילו א מענטש זעט אז ער טויג נישט, ער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, זאל ער נישט זיין איינער אליין, נאר ער זאל זיך האלטן מיט ערליכע אידן, ווייל אליין איז זייער ביטער.

(מכתב שמות, י"ג טבת, שנת תשע"ח)



# א מעשה פון א צדיק

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר עֶס גֶעבְּן!

אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי זוּשָׂא, עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן נָאךְ רֶבִּי נָתָן'ס הִסְתַּלְקוּת. דִי שְׁטָאט מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִיהְם גֶערוּפְן רֶבִּי זוּשָׂא גָאט, וַוייל עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן יֶעדֶע קוֹנֶה וָואס אִיז אַרַייְנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט "יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא וֶועט דִיר דָאס גֶעבְּן". דֶער הָאט גֶעוָואלְט בְּרוֹיט, דֶער הָאט גֶעוָואלְט מִילךְ, אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט "יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא וֶועט דִיר דָאס גֶעבְּן." בְּמֵילָא הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דֶעם צוּנָאמֶען רֶבִּי זוּשָׂא גָאט.

עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אִין גֶעשֶׁעפְט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ עֵין יַעֲקֹב, אוּן וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קָאסְטֶעמֶערְס אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט. עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵייְלִיךְ גֶעוֶוען, אוּן וֶוען עֶס אִיז אַרַייְנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם אַ קָאסְטֶעמֶער, הָאט עֶר אִיהְם עֶנְטְפַאנְגֶען מִיט אַ פְרֵייְלִיכְקַייט, אוּן גֶעזָאגְט זַיין פִּזְמוֹן "יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט דִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּ מִיר, וָואס ווִילְסְטוּ קוֹיפְן?"

אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת, כָאטְשֶׁע עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, וַוייל מִיט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע גְלִיקְן הָאט עֶר צוּפִיל פַּרְנָסָה נִישְׁט גֶעהַאט.

וִוי סְ'אִיז בַּאוִויסְט אִיז אִין רוּסְלַאנְד אוּן אוּקְרֵיינָא בִּיטֶער קַאלְט, אַסַאךְ מָאל אִינְטֶער נָאל אוּן וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט אַ גֶעהֶערִיג פֶּעלְץ אוֹיף ווִינְטֶער.

אֵייְנְמָאל הָאט אַ גַנָב גֶע'גַנְבֶ'עט פוּן אַ פָּרִיץ גָאר אַ טַייֶערְן פִּיטֶער מַאנְטְל, אַ פֶּעלְץ, אוּן וֶוען דֶער פָּרִיץ הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶס פֶּעלְט אִיהְם דִי פֶּעלְץ, הָאט עֶר שְׁנֶעל גֶעשִׁיקְט זַיינֶע בַּאדִינֶער אוֹיף פֶּערְד, זֵיי זָאלְן שְׁנֶעל לוֹיפְן אוֹיף דֶעם וֶועג אוּן כַאפְּן דֶעם גַנָב, אוּן ווִי דֶער גַנָב הָאט בַּאמֶערְקְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס אַ מֶען לוֹיפְט אִיהְם נָאךְ, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז עֶר דַארְף פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי גְנֵיבָה וָואס עֶר הָאט גֶע'גַנְבֶ'עט, וַוייל סְ'וֶועט אִיהְם זַיין בִּיטֶער.

פּוּנְקְט דֶעמָאלְט אִיז דֶער רֶבִּי זוּשָׂא אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען, הָאט אִיהְם דֶער גַנָב גֶעזָאגְט, דוּ גֵייסְט דָאךְ אָן אַ מַאנְטְל אוּן עֶס אִיז בִּיטֶער קַאלְט, הָאט רֶבִּי זוּשָׂא גֶעזָאגְט עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מַאנְטְל, הָאט דֶער גַנָב אִיהְם אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם פֶּעלְץ אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעלָאפְן. רֶבִּי זוּשָׂא הָאט פוּן רוֹב תְּמִימוּת גֶעזָאגְט "יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ פֶּעלְץ".

דֶערְוַוייל זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען דִי רַייטֶערְס אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז דֶער אִיד גֵייט מִיטְן פֶּעלְץ פוּן זֵייעֶר הַאר, הָאבְּן זֵיי אִיהְם גֶעכַאפְּט אוּן גֶעטְרָאגְן צוּ דִי פָּאלִיצֵיי. רֶבִּי זוּשָׂא הָאט גְלַייךְ גֶעכַאפְּט וָואס דָא טוּט זִיךְ, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אִיהְם רַאטֶעוֶוען - וַוייל עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג.



דִי צְוֵויי רַייטֶערְס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַייְנְגֶעגַאנְגֶען עֶפֶּעס טְרִינְקֶען ווִי דִי שְׁטֵייגֶער פוּן גוֹיִים, אוּן דֶעם רֶבִּי זוּשָׂא הָאבְּן זֵיי צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם פֶּערְד עֶר זָאל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן. דֶערְוַוייל הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל אִיהְם רַאטֶעוֶוען פוּן דִי צָרָה וָואס אִיז אוֹיף אִיהְם אַרוֹיפְגֶעפַאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן סְ'אִיז אִיהְם גֶעלִינְגֶען זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן דִי שְׁטְרִיק וָואס מֶען הָאט אִיהְם גֶעבִּינְדֶען אוּן עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעלָאפְן.

אוּן כְּדֵי מֶען זָאל אִים נִישְׁט כַאפְּן הָאט עֶר גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אוּן זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן זֵייעֶר וַוייט צוּ דִי שְׁטָאט טְשֶׁערִין.

עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דֶעם נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן עֶר פְלֶעגְט זָאגְן ,יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט".

אַזוֹי אִיז עֶר וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

(עצתו אמונה ג׳ לך לך תשע"ח)





# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - מ"ג -

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** ר' יוּדְל מִיט זַיין חַבֶר ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק אוּן נָאךְ אַפָּאר חַבֵרִים הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי מוּזְן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן. כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר יוּנְג, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען הִיבְּשׁ אַפָּאר יָאר עֶלְטֶער פוּן רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק ר' יוּדְל אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶלְטְסְטֶער פוּן זֵיי אַלֶע, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט אַרַיינְגֵיין צוּם עֶרְשְׁט רֶעדְן צוּם רֶבִּי'ן.

* * *

דֶער רֶבִּי אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת, אוּן ר' יוּדְל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן זִיךְ דְרֵייעֶן אַהִין אוּן אַהֶער מִיט דְבֵיקוּת, אוּן דֶער רֶבִּי קוּקְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף אִים, נָאר גֵייט זִיךְ וַוייטֶער זַיין וֶועג אַזוֹי וִוי קֵיינֶער וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען אִין צִימֶער.

ר' יוּדְל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיט גְרוֹיס פַּחַד אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן פְּלוּצְלִינְג שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָפּ פַאר ר' יוּדְל אוּן פְרֶעגְט אִים, "וָואס וִוילְסְטוּ?", אוּן אַזוֹי וִוי ר' יוּדְל אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אַלְס אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אִין זַיין שְׁטָאט, אוּן דֶערְצוּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ לַמְדָן אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מְקוּבָּל, עֶר הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעקֶענְט דִי כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל, אוּן דֶערְפַאר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט אַ בְּרֵייטֶע שְׁפְּרַאךְ, "אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער אַז דֶער רֶבִּי זָאל מִיר וַוייזְן אַ דֶרֶךְ אִין עֲבוֹדַת ה'", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ ווָאוּנְדֶער מִיטְ'ן לָשׁוֹן פוּן פָּסוּק (תְּהִלִים ס"ז, ג'), "לָדַעַת בָּאָרֶץ דַּרְכֶּךָ?! אֵיינֶער וָואס אִיז נָאךְ אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין אַרְצִיוּת, עֶר לִיגְט נָאךְ אִין דֶער עֶרְד, עֶר וִויל גָאר וִויסְן אַ דֶרֶךְ אִין עֲבוֹדַת ה'?!".



מִיט דִי רֵייד הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְפְן אוֹיף אִים גָאר אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶערוּקְט, אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין בַּיים טִיר, אוּן הָאט שׁוֹין מוֹרָא גֶעהַאט צוּ עֶפֶענֶען נָאכְאַמָאל זַיין מוֹיל.

דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "וָואס הָאסְטוּ אַזוֹי מוֹרָא פוּן מִיר? אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ פוּנְקְט וִוי דִיר, אִיךְ בִּין נָאר אַבִּיסְל קְלוּגֶער פוּן דִיר". אוּן אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים מֶער פְרַיינְדְלִיךְ, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן אִיז וַוייטֶער גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן רֶבִּי'ן. דַאן הָאט דֶער רֶבִּי נָאכְאַמָאל גֶעוָוארְפְן אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ וִוידֶער צוּרִיק גֶעצוֹיגְן צוּם טִיר, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי נָאכְאַמָאל גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אִים אוּן אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען, אוּן אִים נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט וִוי פְרִיעֶר, "וָואס הָאסְטוּ אַזוֹי מוֹרָא פוּן מִיר? אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשְׁן פוּנְקְט וִוי דִיר, אִיךְ בִּין נָאר אַבִּיסְל קְלוּגֶער פוּן דִיר".

אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטוּן מִיט אִים אַסַאךְ מָאל, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעבְּרָאכְן, אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען פַארְ'ן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אַן אֱמֶת, בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים שֵׁיינֶע זַאכְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן בָּטֵל צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן.

דֶערְנָאךְ אִיז אַרַיין זַיין חַבֶה, דֶער צַדִיק ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּטֶבַע זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְדֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. דֶער רֶבִּי הָאט אִים דַאן גֶעזָאגְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ צוּצוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מְ'רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד, אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי הַארְץ אוּן גֶעזָאגְט, **"אִיבֶּער אַבִּיסֶעלֶע בְּלוּט, זָאלְסְטוּ אָנְוֶוערְן [פַארְלִירְן] דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט?! קְרֶעכְץ זִיךְ אוֹיס!"**.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַסַאךְ צוּ קְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ זַיינֶע גְלִידֶער, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי בְּחִינָה פוּן "וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי" (תְּהִלִים ק"ט, כ"א). דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת זָאל עֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּ זַיינֶע גְלִידֶער, עֶר זָאל רֶעדְן צוּ יֶעדְן אֵבֶר בַּאזוּנְדֶער, אוּן זֵיי מַסְבִּיר זַיין אַז אַלֶע תַּאֲווֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט זֶענֶען נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל צוּם סוֹף וֶועט יֶעדֶער שְׁטַארְבְּן, דֶער גוּף וֶועט אָנְקוּמֶען אִין קֶבֶר, אוּן אַלֶע אֵבָרִים וֶועלְן פַארְפוֹילְט וֶוערְן, אוּן סְ'וֶועט בְּלַייבְּן פַארְ'ן מֶענְטְשְׁן נָאר זַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען, בִּיז עֶר אִיז גָאר שְׁטַארְק נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן בְּרֶען. אוּן אוֹיךְ עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# א שבת נחמו צום געדענקען

ישראל דוד העסקעל



**אז** מ'דערלעבט דערלעבט מען!

ס'איז די ניין טעג א צייט ווען כלל ישראל ציט זיך איין דאס פאסיק פון האקן א לעבן, יעדער אויף זיין שטייגער אבער ס'איז נישט די געווענליכע פרייליכע זומער טעג, ס'איז מער אן ערנסטע צייט מ'דערמאנט זיך אז מיר זענען גלות אידן אפילו מיר זענען באקוועם און מ'לאזט אונז לעבן, זענען מיר נאכאלס פארטריבן אין גלות אוועק פון אונזער היים.

יעצט אין די טעג אויך עפעס אנדערש... ס'איז אויך ערב שבת נחמו! כ'מיין אז מ'דארף קיינעם נישט דערציילן אז די לעצטע פאר יאר איז שבת נחמו געווארן א נייע יום טוב!

נישט א יום טוב וואס מ'זיצט מיט די ווייב און קינדער און מ'פארברענגט שיין צוזאמען נאר א מין יום טוב וואס מ'זוכט צו אנטלויפן פון אלעס.

קודם איז עס געווען אביסל מער איינגעהאלטן, די פאר שיינע אידן פלעגן זיך לאזן אביסל וואויל גיין לכבוד דעם גרויסן יום טוב, אבער צוביסלעך איז עס אזוי ווי אלע אנדערע משוגעת'ן געווארן אן אנגעגעסענע מנהג ביים המון עם און לכאורה ביז א יאר צוויי גייט עס שוין ווערן געהעריג מסורה!



אבער אז מ'דערלעבט... לעצטע וואך האב איך געזען אן אנאנס פון איינע פון די האטעלס וואס שטעלן אהער א שבת נחמו צום געדענקען... די אנאנס איז געשטאנען ריזיגע ווערטער:

נחמו לייק יו מין איט!

נחמו לייק יו מין איט?? זענען זיי אויפן קאפ געפאלן נישט געטראפן א בעסערע וועג צו קענען מאכן ליצנות פון כלל ישראל?



*****

יענקל שטייט אונטער די אפענע טראנק פון זיין סובורבען און פאקט אריין אלעס, דאס גאנצע הויז געזונד, קיין איין שרויפל ווערט נישט אויסגעלאזט. רענצלעך, באקסעס, בעגס, סתם זאכן וואס ליגן ארום, ער פאקט אן דעם קאר און מ'פארט!

וואו פארט מען?

וואס א חילוק, דער עיקר מיר בלייבן נישט אינדערהיים אויף שבת נחמו חלילה!

ער האלט שוין ביים דריטן מאל איבערפאקן די קאר און יעצט זעהט עס אויס ווי ס'גייט שוין אריינפיטן, ער געבט זיך א לאן אן אויפן קאר און געבט א צי ארויס א קרעכץ אויף די עבודת הפרך פון דארפן איבערפאקן די קאר און ער נעמט זיך קוקן אביסל סטעטוס...

רוסלאנד מיט אוקריינא און מדינת ישראל איז ממש געפערליך, די רעכטע מיט די לינקע, שוין, ער האט שוין נישט קיין געדולד נאכאמאל איבער צו לייענען די זעלבע נארישע נייעס נאכאמאל און נאכאמאל. ער קוקט ווייטער, יא דער חבר מאכט א קאמפיין, נאך שטותים און נאך שטותים, א דא האט מיין קלוגער חבר עפעס גאר א גוט ווארט צו זאגן -

פיקוח נפש:

א משפחה פון ברוקלין וואס בלייבט נעבעך איבער אין שטוב אויף שבת נחמו זוכט א ספאנסאר פאר א מיטבאורד!

דו מוטער וועט אייך אינזין האבן ביים לעכט בענטשן - עפענט אייער הארץ.

הא הא הא לאכט ער זיך אונטער, דער זלמן איז גוט ער האט עס ארויס אלעמאל מיט עפעס א גוטע שארפע מעסעדזש, עפעס א גוט ווארט דאס דארף איך סעיוון דאס איז גוט!

ער ענדיגט שנעל אריינפאקן אלעס אין קאר, די צידה לדרך חלילה נישט פארגעסן, יעדער איז דא חברה טוטס אן סיעטבעלטס און מ'פארט.

וואו פארט א איד? אויף ניו העמפשער פארט ער!

וואס? פארסט אויך ווייל דו האסט פיער פרעשור? ס'פאסט דיך נישט צו בלייבן? האסט זיך דערקלערט שיינע איד?

עניוועי וואו אין ניו העמפשער?

אה, ס'דא דארט א נייע רעזארט, און יעצט אויף נחמו האבן זיי עפעס א מעכטיגע פראגרעם אבער נישט סתם! ס'גייט זיין דארט עסן צום געדענקען, א כאר פון צוואנציג חברה, א חזן מיט אזא גרויסע היט, די ריעל סטאף. ס'גייט זיין





א מעדשיק שאו פאר די קינדער, און עפעס א פרוי וואס קומט אויסלערנען אלע פרויען ווי אזוי צו באקן חלות. אויך איז דא א פראפעסיאנעלער מעשה דערציילער. אויך הער איך זאגן אז פרייטאג צונאכטס גייט זיין א פאנעל מיט די דריי גרעסטער שלום בית מאכער'ס, און דערנאך גייט זיין שאלות ותשובות...

די זאך איז אויך אז די האטעל האט א הערליכע וויו, ס'איז הויך אויפן בארג, ס'ממש מורא'דיג. און איך מוז דיר זאגן ס'קאסט נישט אזוי פיל וויפיל דו מיינסט... און איך מאך נאך אפילו געלט אויף דעם ווייל איך האב עס געקויפט אויף מיין קרעדיט קארטל און איך באקום פיינע פוינטס, און האב נאך זערא עי פי אר אויף דעם פאר נאך דריי חדשים. חוץ מזה האב איך אסאך מיילס, און איך קען דרייען פון מיין נאמען צו מיין ווייב'ס נאמען. בקיצור...

וואס מיינסטו, בלייבן אינדערהיים וואלט מיך אויך געקאסט א פיינע אפותיקי, און דא קום איך, איך פאק אראפ מיין משפחה, איך נעם א האנטעך, איך גיי גראד אין בָּאד אריין און איך בין פריי! יעצט זאל די מעשה דערציילער מיט די חלות פלעכטער קעיר נעמען פון מיין משפחה....

ער דרייווט שוין א האלבע וועג ער געבט זיך א שמייכל אונטער ווען ער דערמאנט זיך דעם גוטן וויץ וואס ער האט פריער געלייענט, כאטש בין איך נישט קיין לאזער, און באמת פאר איך נישט ווייל יעדער פארט... איך בין בכלל נישט דער סארט מענטש, איך טו וואס איז גוט פאר מיך!

א רחמנות אויף דער וואס דארף איבערבלייבן אין שטאט... יעדער איינער איז דאך אזוי דשאדשמענטל היינטיגע טעג, ממש מיט ניסים האבן אונז אויסגעמיטן די בושות פון דארפן בלייבן אין שטאט. אוי דאס גייט זיין א פעסטע וואקאציע איך שוין קוים ווארטן צו קענען ארויפציען פארנט פונעם האטעל מיט מיין וויהעקל זאל יעדער זעהן אז למעשה האב איך עס געמאכט! א מענטש!

דער וועג קומט שוין כמעט צו אן ענדע ער איז שוין כמעט זאט פון אלע עסן וואס ער זעהט אין דמיון, ער קען שוין קוים ווארטן שוין אנצוקומען און אנהייבן מאכן א לעבן 'לכבוד שבת נחמו'.

ער קומט אן און ער ציעט אריין מיט זיין שיינע קאר גראד קומט דער סעקיורעטי' גארד צו לויפן אנטשולדיגט, דא קענט איר נישט פארקן דער פלאץ איז ריזערווד פאר ווי איי פי! רוק דיין קאר ארויפצו דעם בארג, דארט סוף איז נאך דא אפאר ליידיגע פלעצער איר קענט פארקן דארט.

שווער אנטוישט בלית ברירה ציט ער ארויף דעם בארג און קוועטשט זיך אריין אין דעם לעצטן ספאט גוט גוט מחוץ למחנה. ער הייבט זיך אן שלעפן מיט אלע פעק און זעק מיט די קינדער מיט אלע בייקס און גאר וויכטיגע חפצים, אזוי שלעפט זיך 'משפחת שיינער איד' צום רעספעפשן דעסק.

ער ווארט דארט אין די שורה ענדליך רופט מען אים, ער געבט איין זיין באָקינג נאמבער יא דער גוי האט עס, ענק מיט די עקאנאמי פעקעדזש איך ברענג אייך שוין אייערע שליסלען.





דער גוי' געבט אים די שליסלעך און געבט אים אנווייזונגען וואו צו גיין, ״גיי גראד סוף האללוועי׳ מאך א לינקס גיי אראפ די רעמפ ביזן טיר עפן די טיר גיי ארויס צו דיין לינקע זייט וועסטו זעהן אן אפגעטיילטע פליגל פונעם האטעל דארט האט איר צוויי שטיבער 304 און 311.

דער אידל קומט אן צו דעם צימער אן אלטע אנגעהורבטע צימער א ד' על ד' און די קינדער צימער איז אין די אנדערע עק האללוועי׳...״אנגעהויבן אויף די לינקע פוס״ טראכט ער צו זיך, אבער אבי' נישט אין שטאט ווי א לאָזער!

ער גייט ארויס אביסל זיך באקענען מיטן מקום ער דרייט זיך אהין און אהער אין אלע קארידארן ער טשעקט אויס דאס פלאץ ער זוכט מיט וועמען ער קען אפשר כאפן אביסל א שמועס, ביז ענדליך אין די לאבי' טרעפט ער איינעם איינער קומט צו צו אים און פרעגט אים איר ווילט אפשר א שיינע ספר'ל אדער א שיינע גליון לכבוד שבת?

יא זיכער לאמיר זעהן וואס איז דאס? דער מפיץ הייבט אן כאפן א שיינע זיסע שמועס מיט אים איבער לעבן ווי גוט און געשמאק איז עס צו קענען לעבן מיט א צדיק, וואס לערנט אויס צו זיין באהאפטן מיט'ן אייבערשטן אפילו מ'איז א פשוטער בעל הבית, דער צדיק לערנט אויס ווי גוט און געשמאק איז עס צו קענען זיצן און לערנען תורה יעדן טאג מיט די זיסע דרך הלימוד פונעם רבי'ן, ווי באַטעמ'ט ווערט די לעבן ווען מ'לעבט מיט עצות פון א צדיק א מענטש ווייסט אז די בעסטע שענסטע פלאץ אויף דער וועלט איז מיין הויז מיט מיין ווייב מיט מיינע זיסע קינדערלעך.

נישטא וואו צו אנטלויפן נישטא פון וואס צו אנטלויפן דו ביסט שוין אין דער בעסטע פלאץ אין דיין שטוב מיט דיין משפחה יעצט מאך נאר זיכער אריינצוברענגען דעם אייבערשטן ווי גליקלעך ווערט א מענטש!

אוי כאפט ער זיך ווי נאריש בין איך! יענער וואס איז געבליבן אינדערהיים מיט זיין משפחה אין זייער הויז זיי זענען אויף וואקאציע, דער לעבן איז אים גוט, איך רעד מיך איין אז ווייל איך פאר אוועק פאר שבת נחמו בין איך דער צופרידענער.

אז א מענטש איז זוכה צו לעבן מיט די עצות פון א צדיק ארייננעמען דעם אייבערשטן וואו ער איז נאר איז ער די גליקלעכסטע פרייליכסטע מענטש אויפן וועלט און אז נישט חלילה קען ער פליען ביז די לבנה און דארט וועט ער אויך נישט זיין פריילעך.

אוי איז דאס געווען א גוטע שבת נחמו צום געדענקען!



# אוי באשעפער ס'איז הייס

## א מעשה שהיה - בהווה



וואך איין וואך אויס, אין די
פריע שעות פון טאג, שפרייזן טאטע און זון די לאנגע
שטרעקע מיט אויגן געוואנדן צום ליכטיגן בית המדרש, לשפוך שיח,
מיט שירות ותשבחות פארן יוצר כל היצורים. א לייכטע פייכטקייט  באדעקט די פנימ'ער
ווען טראפענס שווייס טריפט פונעם שטערן אראפ צו די פיאות, מיט שכר פסיעות אויפן געדאנק ווערן
די געפילן געמוטיגט ביז מען טרעפט שוין איבערטרעטענדיג די שוועלן פון שולכ'ל. יעצט קען מען זיך פארשטעלן דעם
ובציאתו מה הוא אומר, ווען דער כח פונעם המאור הגדול לממשלת היום ווערט פילפאכיג פארשטערקערט, און עס איז צייט צו מאכן דעם זעלבן
וועג אויף צוריק, זיך גרייטענדיג במשנה לחם וקידוש רבא, מיט די קינדערלעך כשתילי זיתים ארום דעם שלחן הערוך. רעב איד; קענען מיר אייך אויף סיי וועלכע וועג פארגרינגערן?

פאר די

# בראסלב'ע שטוב

א. פאפנהיים

## מיין קינד! איך האב דיך ליב!

**מען מוז ארויסגיין ערגעץ...**

יא, זיך אויסלופטערן, אנשעפן פרישע כוחות...

יעדער מוז קומען, די גאנצע משפחה צוזאמען... קיינער טאר נישט פעלן.

די קינדער זאלן זיך אויסשפרינגען, ארויסגעבן... זיי מוזן עס האבן פאר זייער געזונט, בגוף ובנפש...

פאר אונזערע חוץ לארץ'דיגע ליינער, וועל איך קודם געבן א שטיקל איבערבליק אויפן זומער אין ארץ ישראל.

די זומער וואקאציע איז קאנצענטרירט אויף צוויי – דריי וואכן, פון נאך תשעה באב ביז ראש חודש אלול. ביי די מוסדות על טהרת הקודש האבן די מיידלעך די זומער ברעיק אין די וואכן, און אויך דעמאלט שטעלן די מוסדות צו ביז אכטע קלאס אזוי ווי א דעי קעמפ, וואס קיין איין מיידל וויל נישט פארפאסן. פון ניינטע קלאס איז א עקסטערע זכי' צו זיין א קאונסלער אין די יונגערע קלאסן... און די אינגלעך לערנען **געהעריג** זומער פונקט ווי ווינטער. ביי די מוסדות וואס איז נישט על טהרת הקודש גייען די קינדער יא אויף **עכטע** וואקאציע, די מיידלעך מער און די אינגלעך ווייניגער...

ווען צוויי אזעלכע מאמעס רעדן זיך צונויף אויף די בין הזמנים טעג זעט עס אויס אז זיי וואוינען אין אנדערע פלאנעטן... למעשה ביי די גאר היימישע משפחות דארף

<<<<



זיך כמעט נישט שפירן אז ביי די גאנצע וועלט איז מען יעצט ארויס פונעם געהעריגן סדר היום. מיט דעם זענען דא אזעלכע וואס זענען מחמיר למהדרין מן המהדרין און דינגען א "צימער" – א הויז אדער הייזער לויטן געברויך פון די משפחה וואס איז ספעציעל צוגעשטעלט אויף וואקאציע. מען דינגט עס בדרך כלל אויף א שבת, מקסימום איין וואך. עס זענען דא וואס זענען יוצא נאר מיטן טוישן א דירה איין משפחה מיטן צווייטן... עס גייט אן דער עיקר ביי די שטעט אויפן ים, אזוי ווי חיפה, אשדוד און נתניה, אבער ביי די שטעט אזוי ווי צפת, טבריה, ירושלים און בני ברק, איז מען יוצא בדיעבד נאר מיטן ארויסגיין אויף אויספלוגן. ביי דעם איז אויך דא פארשידענע דרגות, מחמירים גייען יעדן טאג ערגעץ, אנדערע גייען איין מאל ביזן ים, א נאנטער פארק, אדער שטרענג מען זיך אן צו פארן ביז מירון...

ביי אונזער משפחה האט זיך גענומען קאכן אז **מען – מוז – ערגעץ – ארויסגיין – אלע – צוזאמען**. איך האב זיי געלאזט זיך רייסן ביי די קעפ, וואס פעלט מיר אויס צו צולייגן מיין דעה אויף די אלע אויספלוגן? אויב עס וועט זיך יא עפעס אויסקאכן וועל איך שוין דעמאלט זען צו עס איז בכלל פאסיג פאר אונז. די מיידלעך ווילן שוין ארויסגיין וואס פריער אריינצוכאפן יעדע מינוט, און די אינגלעך ווילן בשום אופן עס נישט דערלייגן.

צום סוף איז געבליבן אז מען וועט גיין צו א פארק א האלבע שעה פון ירושלים, די מיידלעך וועלן טאקע ארויסגיין פריער, און די אינגלעך וועלן אונטערקומען נאך חדר.

נאכדעם וואס מיר האבן געזען אז עס איז נישט קיין שלעכטער געדאנק, האב איך זיך אנגעטראגן צו זיין די גוטע מומע וואס וועט ברענגען די אינגלעך. דער עולם באפאלט מיר מיט ברכות, איך בין ממש א צדיקת אז איך בין מוותר דאס גליק פון זיך אפבראטן אויף די זון אפאר שעה פריער... צו קען מען דען אויסשרייען פאר די גאנצע וועלט אז נישט דאס גייט דיר מאכן פאר א גוטע מאמע? וואס זאל איך טון אז איך שפיר נישט אז איך דארף פארגיטיגן מיינע קינדער און זיי טראגן ווייס'עד ווי.

ענדליך קומט אן דער אויסגעוואוארטענער טאג. דער פארק איז הערליך, גרינע גראז, גליטשער'ס, סווינג'ס אין אלע פארעמ'ס און קאלירן, און א וואסער אין די זייט מיט קאטשקעס, אויך איז דא שיפלעך צו שיפלען. אינמיטן פארק איז דא דער הויכפונקט, איינמאל א שעה צינדט זיך אן לעמפלעך און עס שפריצן וואסער פון ספעציעלע שפריצער'ס פון דער ערד, פאר ארום צען מינוט, און די קינדערלעך האבן הנאה צו שטיין דערנעבן און זיך גוט אנשפריצן. דא האט אבער פאסירט א געפערליכע זאך, איין קליין קאזין האט זיך אנגערופן הויך: "פעך! די וואסער איז שמוציג!" און קיין איין קינד האט שוין נישט געוואלט ווערן נאס...



די מאמע'ס האבן זיך שטילערהייט געפרייט... קיינער האט נישט מיטגעברענגט וועש צו טוישן... אלע קינדער זענען פריילעך געלאפן צו די גליטשער'ס און סווינג'ס, און זיך גוט ארויסגעגעבן.

אינצווישן האט מען געגעסן נאכטמאל. פיטא, פאלאפעל, גרינצייג און טונא. ווען איך קום נישט אן צו קאכן און איך סערוויר אין שטוב טונא מיט מאיאנעז פיל איך אזוי אומבאכלאפשעט... און דא איז עס לכתחילה שב'לכתחילה...

די צייט איז געלאפן און מען דארף שוין באלד אהיימגיין, זייער גוט, די וואסער גייט יעצט נאכאמאל שפריצן, מען גייט אריינכאפן עס צו זען און נאכדעם וועט מען אהיימפארן.

"מאמי! איך וועל מעגן זיך אנשפריצן פון די וואסער?"

"וואס??? ענק האבן דאך נישט געוואלט! יעצט קען מען שוין נישט, מען גייט שוין אהיימפארן און עס ווערט שוין ביינאכט און עס קען איך זיין זייער קאלט".

"אבער מאמי! יעצט ווילן אונז שוין יא!" אלע קינדער זינגען צוזאמען אין א כאר.

"קינדערלעך, ניין! איך לאז יעצט נישט!" זאג איך פעסט. קוקסט די לעמפעלעך צינדן זיך שוין אן. ענק ווארט שיין דא און איך גיי ברענגען די וועגל פון די גראז.

איך קום צוריק און עס ווערט מיר שלעכט, אלע קינדער טאנצן לוסטיג און לעבעדיג נעבן די וואסער, איך גיי צו צו מיינע שוועגערנ'ס וואס קוקן זיך צו מיט א קענטיגע הנאה און איך פרעג זיי: "**וואס גייט דא פאר? ווער האט זיי געלאזט זיך אנשפריצן?**"

וואס הייסט? ווער האט נישט געלאזט?

יעצט, זיך אנשפריצן? מיר גייען שוין אהיימגיין, אויף די קילע ירושלימער לופט, עס גייט זיי זיין זייער קאלט.

מיין שוועגערן כאפט נישט, "וועגן דעם זאל איך זיי נישט לאזן? די גאנצע טעם פון די טריפ וואלט ארויס..."

שוין... עס איז שוין במילא לאחר המעשה. איך שעפש שטיל א תפילה. "הייליגער באשעפער העלף מיר זאלן אנקומען בשלום אהיים".

איך פארשטיי דא נישט א אנדערע זאך, ווען איך זאג ניין פאר א קינד, ווער איך א שלעכטע מאמע? עס איז טאקע זייער שווער, אבער דאס מיינט נישט אז איך ווער שלעכט.

די לעמפלעך האט זיך שוין אויסגעלאשן און די וואסער האט אויפגעהערט שפריצן, די קינדער בלייבן שטיין דורכגעווייקט, די מאמעס קלויבן צאם יעדע איר חבריא און... עס הייבט זיך אן...

"צדיק'ל! דארפסט עפעס?" זיינע אקסלען נעמען טרייסלען פון געוויין. "מאמי'... דו דארפסט אונז נאך אין דיין הויז? דו האסט אונז נאך ליב?"

מ – א – מ – י! עס איז מיר קאלט!

מ – א – מ – י! איך בין נאס!

מ – א – מ – י! איך האלט נישט אויס!

טאטע זיסער! איך האלט אויך נישט אויס! ווי אזוי גייען מיר דורכמאכן די וועג אהיים?

שרה'לע רופט זיך אן מיט איר קוויטשעדיג קול'כל: "מאמי, איך האב געמיינט אז דו זעסט נישט מעג איך זיך אנשפריצן!"

נת'לע לייגט צו: **"יעדער האט געשפריגענען האב איך אויך געוואלט!"**

שלמה'לע לאזט אראפ זיין קאפ, ער איז שוין גענוג גרויס זיך צו שעמען, ער רעדט נישט, אבער איך זע ווי ער פרירט פון קעלט.

דער באס קומט אן, אלע נאסע וויינענדיגע קינדער גייען ארויף, דער דרייווער ווערט נערוויז אז מען מאכט שמוציג זיין באס... עטס קענט זיך פארשטעלן א רייזע, מיט מידע קאלטע קינדער? ענק קענען טראכטן ווי אזוי זייערע עלטערן קוקן אויס? א געלונגענע ענדע פאר א געלונגענע טריפ... אינטערעסאנט וואס מיינע געלערנטע שוועגערנ'ס וועלן נאכדעם זאגן אויף דעם...

ענדליך איז מען אין שטוב, איך באד זיי אפ איינס ביי איינס און איך טו זיי אן ריינע טרוקענע וועש. א מחיה! יעדער אטעמט אפ, די קינדער פאלן אריין אין די בעטן אויסגעמוטשעטערהייט.

איך באטראכט א מינוט ווי אזוי יעדער שלאפט גלייך איין... יעדער? נישט פונקט. שלמה'לע דרייט זיך אין בעט אומרוהיג. אוי! זאל ער נאר נישט פארקילט ווערן, איך וויל אים אנטאפן זיין שטערן און ער ציט זיך נאכמער איין.

"צדיק'ל! דארפסט עפעס?" זיינע אקסלען נעמען טרייסלען פון געוויין. "מאמי'... **דו דארפסט אונז נאך אין דיין הויז? דו האסט אונז נאך ליב?"**

איך ווער ערשטוינט, "זיכער! פארוואס טראכסטו אז נישט?"

"ווייל... ווייל היינט האב איך נישט געפאלגט... און נאכדעם האט יעדער געוויינט"...

"אוי, צדיק! איך האב דיר ליב **ווייל דו ביזט מיין קינד!** און איך ווייס אויך אז עכט ביזטו וואויל, נאר אויף איין מינוט האסטו פארגעסן, דו קענסט שנעל תשובה טון און שוין... **דו האסט מער נישט קיין עבירה"...**

ער שמייכלט צווישן די טרערן, **"ביזט מיר מוחל, מאמי?"**

**"זיכער!** יעצט קענסטו שוין רוהיג שלאפן, א גוטע נאכט!"

זיין שאלה האט מיר טיף צוטרייסלט. "דו האסט מיר נאך ליב? דו דארפסט מיר נאך האבן?" וויפל מאל פרעגן מיר אזא שאלה פונעם אייבערשטן?

די לעמפלעך בליצן, די וואסער שפריצט, יעדער האט הנאה, יעדער טוט אזוי, יעדער מעג, יעדער גייט שוין אזוי, און דאך... איך וויל זיין בעסער! איך ווייס אז עס איז נישט גוט. אבער טאטע! דו דארפסט מיר בכלל האבן? יעצט האבן מיר געטרויערט דריי וואכן, דער בית המקדש איז נאך אלץ נישטא. טאטע! דו האסט אונז נאך בכלל ליב?

און אונזער טאטע ענטפערט אונז: **"מיין קינד! טרייסט זיך. איך האב דיר ליב, איך בענק נאך דיר".** עס איז יעצט געווען שבת נחמו און עס קומען נאכדעם די שבעה דנחמתא, זיבן וואכן וואס מען ליינט אין די הפטורה טרייסט ווערטער פונעם אייבערשטן. פון שבת נחמו ביז ראש השנה זאגט אונז דער אייבערשטער נאכאמאל און נאכאמאל, מיין קינד! איך בענק נאך דיר! איך האב דיר ליב, און איךווארט שוין זיך צוריק צוטרעפן מיט דיר.

און מיט אזעלכע ווארעמע ווערטער גייען מיר אריין אין חודש אלול. און צוזאמען מיט די מתנות פונעם הייליגן רבין – אז מען קען אויף אלעס תשובה טון, שרייט זיך אויס פון טיפעניש פון הארץ. טאטע! איך בענק אזוי צו דיר! איך וויל אזוי שטארק זיין נאנט צו דיר! איך וויל אזוי שטארק זיין גוט! טאטע זיסער! **איך הייב אן פון יעצט!** ◆



# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*







## ROYAL SHOES
## LOCH SHELDRAKE

Seeking assistant in the store to help with our customers (women/girls). Will train. Very positive, ehrliche environment.

Pleass text **845 434 5185**
or call after **7:00** pm

Electrolysis, Tinting, Waxing.

Coming down to your colony.
Conditions comply.

For appointment call
A. Appeldorfer
845-537-9681

בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES
Kbbsbookeeping@gmail.com
1-845-293-7667

**Did you open a new business?**

**Is your business not running properly?**

**Do it the RIGHT way!**

- QuickBooks Setup
- Account Receivable
- Accounts Payable
- Sales Tax
- Daily Cash Management
- Collections

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*


**Linen Boutique**
Linen • Towels • Tablecloths

**Full line of fine quality Linen, Towels and Tablecloths**

**Our satisfied customers** is our brand

Please contact **Breindy Tyrnauer**
347-228-2931
75 Twin Bridge Rd. • Liberty NY 12754



**B&H**
**DRY GOODS**

**1619 NY-52**
LIBERTY, NY 12754
**BACK ENTRANCE**

**845.320.3332**



א אינגערמאן זוכט
איינער וואס זאל
ארויסהעלפן
באצאלן זיין טיקעט
קיין אומאן.

רופט בנציון
יאקאבאוויטש
347-585-9054



קומט איר קיין
ארץ ישראל?

מיר האבן א
גרויסע אויסוואל
פון דירות צו פאַר
דינגען אין מירון,
צפת, טבר"י, ירוש־
לים און נאך

ישראל מאיר
קרסיאנסקי
718-734-7393





שיינע פריוואטע 1
בעדרום דירה אויף
האשקי צו פארדינגען
פאר א שבת, אדער
פאר א וואך.

צו באשטעלן רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566

# חידות
אפטיילונג

ווען רבי נתן האט געטראפן ר' ליפא האט ער
אים געזאגט: פון אזא רבי גייט מען אוועק,
אז דער רבי וועט מיך שלאגן מיט א דראונג

א. וועל איך דעמאלטס אוועק גיין
ב. וועל איך אים מכיר טובה זיין
ג. וועל איך עס אננעמען באהבה
ד. וועל איך אויך נישט אוועק גיין

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

ווען דער הייליגער רבי האט מגלה געווען דעם תיקון הכללי האט דער רבי געזאגט: די ערשטע תיקון איז
**מקוה**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**חיים טייטלבוים נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

# קרית ברסלב בלעטל
# קינדער אפטיילונג
פרשת עקב

# טרעף
די ווערטער

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | ו | י | א | ל | ע | מ | ע | נ | ט | א | נ | נ | ד | מ |
| ע | ו | ו | ו | מ | ח | ת | א | ל | ט | ו | ו | ל | כ | ח |
| ש | י | נ | י | ש | ט | ח | א | י | פ | ו | ח | י | ע | ו |
| ס | ס | א | מ | ל | א | ז | מ | ח | ר | י | ז | פ | ב | ש |
| י | נ | ע | א | י | ט | ר | ט | י | מ | ל | ט | ש | ת | פ |
| ו | ד | ז | ה | י | ק | פ | ה | ב | ר | ק | ט | מ | ז | י |
| ו | י | ט | מ | ד | כ | מ | י | ו | נ | ש | מ | ל | ה | ל |
| י | ג | ע | ו | נ | א | ו | ר | ע | מ | י | כ | ל | א | נ |
| ל | ד | ר | ט | י | א | ר | ד | פ | ב | נ | י | ש | ט | ז |
| נ | א | ו | נ | ז | ז | ע | נ | ר | ר | ג | נ | ט | ל | פ |
| א | ח | ח | ה | נ | ג | נ | צ | א | ר | נ | י | י | ט | ס |
| כ | ת | כ | ו | ע | ר | ע | ט | ד | ר | מ | ל | ז | ש | ט |
| ק | פ | ט | ל | י | י | ו | ו | א | ס | י | נ | י | ח | ט |
| ש | ו | ג | א | ל | ו | כ | ל | מ | א | י | י | כ | פ | ח |
| צ | נ | ע | א | ת | י | ו | י | ג | נ | ד | ש | ה | מ | ש |
| ז | ר | ל | מ | י | ס | נ | א | ל | ו | ל | ט | פ | א | ק |
| י | ד | ע | א | ע | כ | ד | י | ס | ו | ע | מ | כ | ל | פ |
| כ | ע | ר | כ | ש | מ | פ | ר | ר | י | כ | א | ב | א | י |
| ת | ב | נ | ט | ס | ש | ז | ה | ב | ל | ד | כ | ק | ל | ל |
| י | ה | ט | א | י | י | נ | ע | ר | נ | ב | נ | י | ד | פ |

לאכט זיך אויס, מאכט זיך נישט ווייסנדיג. געדענקט דעם כלל וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט: **'אויב איינער וויל מיך נישט - דארף איך אים טויזנט מאל נישט'.** אויב די שכנים מיידלעך ווילן נישט שפילן מיט אייך - זאלט איר זיך נישט צוטון מאכן פון דעם, איר זאלט שפילן מיט אלעמען, איר זאלט שפילן מיט די וואס ווילן שפילן מיט אייך.

(עצות אמונה פרשת במדבר תשפ"ג)

## טרעף די וועג

כאפט אייך אריבער פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?



ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "די וועלט איז פול מיט ליכט, און די קליינע האנטעלע פארשטעלט אלעס!"

## א שטיקעלע ספר המדות

# הַכְנָסַת אוֹרְחִים
## חֵלֶק שֵׁנִי

**א. עַל יְדֵי הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אֵימָתוֹ מֻטֶּלֶת עַל הַבְּרִיּוֹת.**

וֶוער עֶס מַאכְט הַכְנָסַת אוֹרְחִים, הָאבְּן מֶענְטְשְׁן מוֹרָא פוּן אִים.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א אידן!"

# קינדער טאלאנט



חיים טייטלבוים נ״י
קרית ברסלב



אדל שטיינבערג תחי׳
קרית ברסלב



נחמן נתן בלום נ״י
קרית ברסלב




פייגי פינטער תחי׳
קרית ברסלב



משפחת פעקעטע - מאנסי
געבויעט אפאר אינזלעך



פייגי פינטער תחי׳
קרית ברסלב

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

אליעזר שלמה וועבערמאן נ"י - קרית ברסלב פּארצײלט:




חי' וועבערמאן תחי' - קרית ברסלב פּארצײלט:



בס"ד

# אוי בין איך הונגעריג

## א מעשה שהיה - בהווה



א קליין לעכטיג קינד אזוי בא'חנ'ט, נאך א פילן טאג אין חדר, פארזינקן אין הוויות דאביי ורבא, א רבי יוחנן און ריש לקיש, רבי יהודה און רבנן, ברוך השם ער שטרענגט זיך אן, האלט מיט, פארשטייט און קען נאכזאגן די לימודים, זיין קאפ איז פיל מיט אן אוצר פון יראת שמים וואס די געטרייע מלמדים וכלי קודש לייגן אריין און די תלמידים, וועלכע זענען ריכטיג קרויים בנים. אין זיין ווארימע היים איז אין די טעג אביסל איבערגעשטרענגט, די ווירטשאפט האט געפירט אז קיין צייט צו שטעלן אן ארוחת ערב איז נישט געווען, דער טאטע וואלט גערן ארויפגעשארצט די ארבעל, אבער איז נישט פון די טייג געקנאטן. אם אין קמח אין תורה, די מאגנדעל פונעם קליינעם פאדערט דאס זייניגע און אזוי אויך די געשוויסטער, אבער איין מינוט, טאטעס און מאמעס דארפן נישט קיין נאכטמאל?

בס"ד

דגים בכל מטעמים

א פולע ליין פון

# פרישע פיש
# לכבוד שבת

דעליווערט אין די קעטסקילס
פון טייך צום טיר



רויע פיש | געקאכט | געבאקען | געפילטע פיש



## YEAR-ROUND DELIVERY

Coming to the **mountains for Shabbos?** Make your stay even better, with just one phone call get your fish delivered straight to your doorstep. **Place your order till Friday morning** and enjoy the convenience of having your fish delivered anywhere in Sullivan County.

ועד הכשרות
קרית ברסלב

DELICIOUS FISH
Liberty NY

Call **845.747.0093**

# בילדער
## אפטיילונג




קרעדיט: שלמה האממער


קרעדיט: יוסי פּרערויא

**לחיים/ווארט/תנאים פון תלמיד הישיבה דניאל אייזנער נ"י בן מו"ה נתנאל הי"ו עב"ג מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו - ב' ואתחנן**


קרעדיט: איציק מענדלאוויטש

**דף גמרא שיעור אין היכל הקודש בני ברק - ב' ואתחנן**


קרעדיט: אליעזר שמן

**אפשערן פון הילד יואל בן מו"ה הערשל שניטצלער הי"ו**


קרעדיט: CME

**ביים רעקארדירן פארן נייעם סידי "א מופת בין איך"**


קרעדיט: לייבי ראטה

**ניחום אבלים ביי משפחת יוזשעף-קויפמאן אויף די פטירה פון זייער מאמע/טאכטער/שוועסטער**


קרעדיט: יוסי פרערויא

תשעה באב תשפ"ג


קרעדיט: אהרן שווארץ

תשעה באב אין היכל הקודש צפת


קרעדיט: איציק מענדלאוויטש

תשעה באב אין היכל הקודש בני ברק


קרעדיט: יוסי פרערויא

מלוה מלכה אין בעפארגרייטונג צום "אנשי חיל" קאמפיין צוזאמען מיט סיום 101 מאל משניות פון מו"ה שבתי מארקוס הי"ו - מוצ"ש ואתחנן



קרעדיט: שמעון פארטיגאל



קרעדיט: שמעון פארטיגאל

# בילדער ארכיון

## באזוך פון מוהרא"ש זי"ע אין מחנה היכל הקודש, ט"ו באב תשע"א

קרעדיט: יעקב פיש



מעןווארט אפ מוהרא"ש אויף די פארטש פון בית המדרש



מוהרא"ש זי"ע קומט אן אין קעמפ



מען דאווענט מנחה פאר די סעודה



אין א שמועס מיט'ן ראש ישיבה שליט"א



מוהרא"ש זי"עביים משמיע זיין דברות קודש



אייזיק ווייס נרו יאיר וועזט פאר מוהרא"ש זיינע סיומים

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלעטל

יעדע וואך
ביי אייער
טיר




פאר בלויז
$3.99

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

282 • DESIGN | 845.406.4250

בס"ד

# אוי וויאזוי באצאלט מען

## א מעשה שהיה - בהווה



א צופרידענער מיט א שיינענדע
שמייכל, א שמח בחלקו, זוכט קיין לוקסוס, קיינמאל קיין
מותרות, פת במלח איז אן אפטע ערשיינונג. די ארומיגע, די נאנטע, טיר-
צו-טיר שכנים, אדער סתם באקאנטע ווערן אנגעשטעקט פון זיין שטענדיגער הייטער, און
בלויז א געניט אויג וועט מערקן דעם לייכטן וואלקענדל אויף זיין געזוכט, ווען טראץ די מאקסימום באמיאונג
איז אויף די מינומום אויך נישט פארהאן, די דלות וועלכע האט זיך באקוועם געמאכט אין די לערע קעשענע, באגלייט אים געפיל-
לאז צו זיין ענגען דירה'לע. אין רוישיגן געשעפט טרעפט מען אים איינקויפן ווי אלע, קיין פולע וועגענער בלויז הכרחיות'דיגע נויטבאדערפענישן, און
ווען די לערע בערזל לאכט אים אין פנים וועט ער אליין צוריק לייגן די ארטיקלן אויף ריכטיגן ארט מיט א ברייטן שמייכל, אבער קען מען דען שפייזן א משפחה מיט שמייכלעך?




# ראש השנה
# אומאן
# תשפ"ד

**באקוועם | אויסגערוהט | עלעגאנט | היימיש**



## פלען איט רייט

### טשארטער 1:
**ארויס:** מאנטאג, כ"ה אלול
LEAVES: SEP 11, 10:30 PM | ARRIVES: 1:30 PM
**צוריק:** מאנטאג, צום גדליי
LEAVES: SEP 18, 5:45 PM | ARRIVES: 9:45 PM

### טשארטער 2:
**ארויס:** דינסטאג כ"ו אלול
LEAVES: SEP 12, 10:55 PM | ARRIVES: 1:45 PM
**צוריק:** מאנטאג, צום גדליי
LEAVES: SEP 18, 1:45 PM | ARRIVES: 5:45 PM

**באקוועמע פליגער עטה"ק**

היימישע געשמאקע מאכלים א גאנצע וועג

**פרייז רעכנט אריין אלע אינערליכע רייזעס ביז עיה"ק אומאן, מיט די פריוואטע פלען איט רייט באנען**

# טשארטערס
קיין ריישא פוילין

**ECONOMY: CHARTER 1: WAITING LIST ONLY $2800 | CHARTER 2: $2500**
**$4500 PREMIUM ECONOMY | $7550 BUSINESS**

**אפציע 3:**
כאפט אייך מיט אויף איינע פון אונזערע **22 גרופ-טיקעטס**
צו פילע דעסטענאציעס ארום אוקריינא,
לויט אייער באקוועמליכקייט (רומעניא - קישענוב - פוילין)

פרייזן אנגעהויבן פון $899

היות מיר וועלן הערשט באשטעטיגן חודש אלול די גענויע באנען צייטן

**דעריבער וועלן מיר נאר פארקויפן פריוואטע באנען-טיקעטס פון ר"ח אלול**

## פלען איט רייט טשארטער באן
פשעמישל-פוילין קיין אוקראיינע

**טשארטער באַן 1:**
**ארויס:** דינסטאג
**צוריק:** מוצאי יו"ט

**טשארטער באַן 2:**
**ארויס:** מיטוואך
**צוריק:** מוצאי יו"ט

**באקוועמע באנען עטה"ק**

היימישע געשמאקע מאכלים א גאנצע וועג

**אריינגערעכנט די רייזעס פונעם באן ביז אומאן**

די שנעלסטע און גרינגסטע וועג אריבער צו גיין די גרעניץ



**פרייז: $595**

**Plan it Rite**

**845.678.3555**
www.planitrite.com

קיין אומאן פארט מען מיט פלען איט רייט

ראש השנה שלי עולה על הכל - קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פאראהאנדין

# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT



mint COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי' לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

# מיר זענען לייוו



DRYVEUP.COM/BRESLEV | 718-568-5743

י"ד - ט"ז מנחם אב

$1,000,000

אנשי חיל


רבותי
מיר קענען
עס באוויזן
00,000
DRYVEUP.COM/BRESLEV | 718-568-5743



יעדער
טוט זיין
חלק
$1,0
אנשי
חיל
י״ד - ט״ז מנחם אב
$1,000,000

תיקון טעות זונטאג פרשת **ראה**

מעמד

# הכרת הטוב

## אנשי חיל

תשפ"ג

מיר ווילן אייך פערזענליך איינלאדענען צום געשמאקען
פארברענג ווי מען וועט איבערגיין אנאיינעם ארבעטן און געבן דעם
לעצטן שטופ אנצוקומען צום ציל

(עס וועט בעז"ה זיין צוגעשטעלט אלעס וואס פעלט זיך אויס, און עסקנים ארויסצוהעלפן מיט אלעם!)

און פארענדיגען מיט א

# מעמד הכרת הטוב

## בראשות הראש ישיבה שליט"א

פאר אלע אנשי שלומינו וואס האבן
אנטייל גענומען אינעם אנשי חיל קאמפיין.

וואס וועט פארקומען די לעצטע
טאג פונעם קאמפיין אינעם הערליכן זאל

## הורליוויל ארט סענטער

219 Main St, Hurleyville, NY 12747

## זונטאג פרשת ראה הבעל"ט

August 6 ולמספרם

## א גאר רייכע דינער ווער פארקומען

די טירען וועלן זיך עפענען 4:00 נאכמיטאג

דער מעמד איז מיוחד נאר פאר מענער

מיר ערווארטן אייך איפצונעמען
העסקנים